# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ז | גליון 105 | אידיש | פורים תשפ"ג לפ"ק



טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**פטרון טהור עינים**

חודש אדר

הרבני הנגיד, ראש וראשון לכל דבר שבקדוש"ה
הרה"ח ר' **יואל עפשטיין** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, אמן.


## א פאררעטערישער שמייכל

ד ער בארימטער מגיד מישרים **רבי יאנקעלע גאלינסקי זצ"ל** האט אמאל דערציילט א מורא'דיגע מעשה, וואס דאס לערנט אונז א שטאקן לימוד און עצה קעגן דעם יצר הרע און זיינע נסיונות (הש"פ להגיד, עמ' 193-194):

א פרוי איז אמאל אריינגעקומען צום קאפיטשניצער רבי'ן זצ"ל אין אמעריקע, און זיך אויסגערעדט איר הארץ אז זי איז אן אלמנה מיט אן איינציג זון. זי האט אזוי געהאפט צו זען אידיש נחת פון איר בן יחיד, אבער ליידער האט ער געגליטשט פונעם ערליכן וועג, און ער האט זיך דערקייקלט צו אזא מצב אז ער גרייט זיך חתונה צו האבן מיט א שיקסע רח"ל. די פרוי האט געוויינט מיט בכיות צום רבי'ן אז זי קען דאס נישט איבערטראגן, און געבעטן דער רבי זאל רעדן צו איר זון ער זאל דאס נישט טון.

דער רבי האט זייער רחמנות באקומען אויף דער צעבראכענער פרוי, און איר געזאגט זי זאל אים ברענגען איר זון. די מאמע האט מורא געהאט אז ער וועט נישט ווילן קומען, האט זי געזאגט פאר איר זון אז דער רבי וויל אים ווינטשן א ברכה לכבוד זיין חתונה, און אזוי איז ער געקומען צום קאפיטשניצער רבי'ן. אריינקומענדיג, זאגט אים דער רבי, "איך וויל דיר דערציילן א מעשה":

*די נאכט פון ט"ז חשון תרצ"ט איז באוואוסט אלס קריסטאל נאכט. דעמאלט האבן די נאציס ימ"ש דורכגעפירט שרעקליכע פאגראמען אויף די אידן אין דייטשלאנד און עסטרייך, און אויך דורכגעפירט אקציעס צו פארכאפן אסאך אידן, פון וועלכע רוב זענען קיינמאל נישט צוריקגעקומען.*

*אין יענער פינסטערער נאכט האב איך מיך געפונען אין מיין הויז אין וויען, עסטרייך. מיטאמאל האט זיך די געסטאַפּאָ אריינגעריסן אין מיין שטוב, זיי האבן מיך געשלאגן מכות אכזריות, און דערנאך האבן זיי מיך גענומען און געפירט צו א קעלער וואו ס'זענען געווען פארזאמלט אנדערע אידן. דארט האבן מיר געדארפטווארטן ביז די רשעים וועלן ארויסגעבן א משפט אויף יעדן באזונדער.*

*זייענדיג אין דעם קעלער, האב איך געזען א מענטש מיט עלעגאנטע קליידער און א הוילן קאפ, וועלכער האקט זיין קאפ אין וואנט און שרייט מיט באנומענע קולות. ער האט אויסגעזען ווי א פאלנער גוי, אן קיין שום סימן פון אידישקייט. זעענדיג זיין פארצווייפלונג, בין איך צוגעגאנגען צו אים און פרובירט מחזק צו זיין. "די הייליגע חכמים זאגן אז אפילו ווען א שארפע שווערד ליגט אויפ'ן מענטש'ס האלז, זאל ער נישט אויפגעבן פון מתפלל זיין. זיי דיך נישט מייאש, האב בטחון אינעם אויבערשטן אז*


>>>


## דבר המערכת

**אשר ישלטו היהודים:**

### א יאר פון אידישע גבורה

מיר שטייען אצינד איין יאר זינט מיר האבן אנגעהויבן מיט דער סעריע "ישלטו היהודים", חודש אדר תשפ"ב, וואו אידן האבן די געלעגנהייט צו דערציילן זייער אייגענע התגברות, ווי אזוי זיי האבן באוויזן זיך צו פארמעסטן היינטיגע צייטן מיט די היינטיגע שוועריגקייטן אינעם ענין פון שמירת עינים.

האמת נגיד, אז אנהייבנדיג די סעריע האבן מיר געקלערט אז עס וועט זיין א צייטווייליגע רובריק וואס וועט לויפן במשך חודש אדר, ועל שם זה האבן מיר עס אנגערופן מיט'ן נאמען "ישלטו היהודים". אבער דיווירקליכקייט האט אונז געווענליך איבערראשט. מיר האבן זיך שנעל איבערצייגט אז מיר האבן זייער אונטערגעשאצט כלל ישראל.

ס'האבן אנגעהויבן אריינפליסן צם מערכת מעשיות ווי א מעין הנובע, ווי הונדערטער אידן, יעדער אין זיין מצב און פון זיין פערספעקטיוו, טיילן מיט זייערע איבערלעבענישן, ווי אזוי זיי האבן זוכה געווען בייצוקומען זייערע נסיונות. מיר האבן דאן באשלאסן ממשיך צו זיין מיט דער סעריע, און דאס גייט טאקע אן בעז"ה מיט א שטארקייט ביז'ן היינטיגן טאג, ווען מיר


>>> המשך אויף זייט 4


## תוכן הגליון


**ישלטו היהודים** / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 3-4
**עיני ישועה** / וואונדערליכע ישועות ____ זייט 4
**מי כעמך ישראל** / אידישע גבורה ____ זייט 5
**החכם עיניו בראשו** / עצות ____ זייט 5
**עין בעין יראו** / אויפפאסונגען ____ זייט 6
**מכתבים למערכת** ____ זייט 6



**זכות הדפסת הגליון**

נתנדב ע"י הרבני הנגיד
מוה"ר **הערשל קויפמאן** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, אמן.

**זכות הפצת הגליון**

נתנדב לעילו נשמתה של האשה החשובה
מרת **צירל** בת
ר' **יחיאל** ע"ה

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, אמן.

ער קען העלפן אפילו אין אזא מצב!"

יענער מענטש האט גארנישט רעאגירט צו מיינע ווערטער, נאר ווייטער געהאקט זיין קאפ אין וואנט און געשריגן. איך בין זיכער געווען אז ער האט נעבעך פארלוירן זיין דעת. בין איך צוגעגאנגען צו אים און אנגעכאפט זיין האנט, פרובירנדיג צו בארואיגן. מיטאמאל גיבט זיך יענער א דריי אויס און זאגט מיר מיט רויקע אויגן, "ס'קומט מיר נישט אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף מיר."

"דער אויבערשטער האט רחמנות אויף יעדן איד אין יעדן מצב," האב איך געזאגט.

"אבער נישט אויף מיר," האט ער זיך נישט געלאזט. "איך וועל דיר דערציילן מיין געשיכטע, וועסט פארשטיין:

"איך בין געבוירן געווארן און אויפגעוואקסן אין גאליציע. מיינע עלטערן זענען געווען פרומע אידן, און זיי האבן מיך מחנך געווען צו א לעבן פון תורה און מצוות. אבער ווערנדיג עלטער, האב איך אלעס אפגעלאזט, איך האב אפגעהאקט יעדע פארבינדונג מיט אידישקייט. איך בין געקומען צו דער גרויסער שטאט ווין, וואו איך האב ליידער חתונה געהאט מיט א גוי'טע. מיר האבן געפירט אינאיינעם א גוי'איש לעבן, אן קיין זכר פון אידישקייט, און קיינער האט אפילו נישט געקלערט אז איך בין א איד.

"נעכטן האבן די נאציס אנגעהויבן איינזאמלען די ארויפגעקוקטע אידן פון שטאט. זיי האבן געלאזט אויסרופן אז אפילו איינער וואס האט חתונה געהאט מיט א גויה, זאל איבערגעבן דעם מאן אדער פרוי צו דער געסטאַפּאָ, און אזוי וועט דאס פארמעגן ווערן אפגעשוינט. הערנדיג דעם אויסרוף, איז מיין ווייב געגאנגען און מיך איינגעשפארט אין א צימער און מיך איבערגעגעבן צו די נאציס.

"איך בין איר אלעמאל געווען אזוי געטריי, און יעצט האט זי זיך אויסגעדרייט דעם רוקן צו מיר צו קענען ירש'ענען מיין פארמעגן. יעצט זיץ איך דא און איך ווארט אויפ'ן טויט."

דער רבי האט געענדיגט די טרויעריגע געשיכטע פון יענעם איד. מיטאמאל איז דער בחור געגעבן א שפרונג אויף פון פלאץ. ער איז צוגעגאנגען צו דער מזוזה, ארויפגעלייגט די האנט, און געשוואוירן אז ער גייט מיט איר נישט חתונה האבן. ער האט פארשטאנען ווי פאלש ס'איז דער דרויסנדיגער גלאנץ, און ווען ס'קומט א שווערע מינוט דרייען זיי זיך אויס מיט'ן רוקן.

האט רבי יאנקעלע גאלינסקי אויסגעפירט:

דאס דארפן מיר געדענקען ווען דער יצר הרע שיקט אונז זיינע נסיונות מכשיל צו זיין. ער קומט מיט א צוקערדיגן שמייכל פונדרויסן און ווייזט א פנים ווי ער מיינט נאר אונזער טובה. אבער ארויפקומענדיג אויף יענער וועלט, וועלן מיר זען דעם זעלבן שטן ביים בית דין של מעלה אויף דער זייט פונעם מקטרג. ער וועט ברענגען צו שלעפן די זעלבע עבירות וואס ער האט אונז אליין פארגעשטעלט מיט אלע גלאנציגע קאלירן, און מיט א געשמאק צוקוקן צו די עונשים וואס מיר באקומען אין גיהנום אויף די זאכן.

~

וויפיל דארפן מיר דערהערן די נקודה ווען ס'קומט צו שמירת עינים! דער יצר הרע שטעלט צו אין יעדן ווינקל נסיונות וואס קוקן צומאל אויס שמייכלדיג. ער וויל כאפן דעם מענטש אין איילעניש צו קוקן אויף וואס די תורה לאזט נישט.

אין די רגעים דארפן מיר געדענקען וואס חז"ל זאגן (ע"ז כ,ב), "דער מלאך המוות איז פול מיט אויגן, און איידער א מענטש גייט פון דער וועלט שטייט ער צוקאפנס פון דעם מענטש מיט אן אויסגעשטרעקטער שווערד." וואס זענען די אלע אויגן? זאגן די ספרים הק' אז דאס זענען די אלע ראיות אסורות וואס דער יצר הרע, דער מלאך המוות, האט מכשיל געווען דעם מענטש, און ער לייגט אוועק יעדע ראיה צו ברענגען ביים בית דין של מעלה.

לאמיר נישט פאלן צו זיין פארערטעריש שמייכל וואס ער שטעלט אן בשעת דעם נסיון!



# ישלטו היהודים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי
אידן פארמעסטן זיך **הייניטיגע**
**צייטן** מיט **הייניטיגע נסיונות**

## א שאָרט סטאַפּ די לעצטע סעקונדע

פארנדיג מיט מיין קאר אויף א הויפט ראוד, בין איך דורכגעפארן נעבן א געסל וואו ס'וואוינען צוויי פון מיינע טעכטער. איך האב באמערקט ווי ביים ווינקל פון גאס שטייען עטליכע פרויען, און ס'איז מיר דורכגעלאפן א מחשבה צו געבן א בליק אויב מיינע טעכטער זענען צווישן זיי. איך האב אבער שנעל באשלאסן נישט צו קוקן, ווייל ס'קען דאך זיין אז ס'איז נישט מיינע טעכטער.

אין דער זעלבער סעקונדע זע איך צו מיין שאק ווי דער קערידזש פון איינע פון די פרויען מיט א קליין קינד אינעווייניג גליטשט זיך אריין אינעם ראוד פארנט פונעם קאר וואס איז געפארן פאר מיר. איך האב שנעל געגעבן א שטארקן פייף און דורכדעם האט דער קאר פארנט פון מיר געמאכט א שאָרט סטאַפּ, ממש א האר אוועק פון אן אומגליק ה"י. טאמער וואלט איך פונקט דעמאלט געקוקט צו דער זייט, וואלט איך נישט באמערקט ווי דער קערידזש גליטשט זיך אריין אין דער גאס, און איך וויל נישט טראכטן ווי אזוי דאס וואלט זיך געענדיגט ח"ו. אין זכות פון שמירת עינים האב איך ב"ה זוכה געווען מציל צו זיין א נפש מישראל!

*אשר גראד, לאנדאן*

## כשר עסן, כשר'ע אויגן

לכבוד די חשוב'ע מזכי הרבים פונעם מערכת טהור עינים.

איך וויל מיטטיילן וואס איך האב לעצטנס בייגעוואוינט, וואו איך האב געזען אז אויב טוט מען פאר אנדערע אידן באקומט מען אליין א שמירה פון הימל.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז מיר אויסגעקומען אז איך האב געדארפט זיין אין איינע פון די גרויסע שטעט פאר א ביזנעס שוי. ווער ס'איז באקאנט וואס ס'טוט זיך אויף אזעלכע ערטער, ווייסט אז ס'איז ממש געפערליך. ממש יעדער ווינקל, יעדער בילבארד, יעדער באס - איבערלאדן איז פול מיט פריצות און ראיות אסורות. פארשטייט זיך אז אן ערליכער איד טוט וואס ער קען זיך צו היטן, אבער ווי נישט ווי טאנצן די אלע בילדער פאר די אויגן אויף טריט און שריט, און מ'דארף אסאך סייעתא דשמיא ארויסצוגיין פון דארט מיט ריינע אויגן. און אודאי גייט מען נישט אהין נאר נאכן זיך דורכרעדן מיט א דעת תורה.

די לעצטע פאר יאר האט מיר דער רבש"ע מזכה געווען אז איך האב א חלק מיט'ן ארויסהעלפן צוזשטעלן עסן פאר אסאך היימישע אידן וואס קומען דארט אויף ביזנעס שויס. ב"ה ס'איז א געוואלדיגער אויפטו, הן מצד דעם כשרות, און הן אז אידן דארפן זיך נישט דרייען אין צווייפלהאפטיגע ערטער. און אז מ'קומט שוין עסן צוזאמען מיט אידן, דאוונט מען שוין אויך מיט מנין דארט, אא"ו איז עס א שטארקער אויפטו ברוחניות ובגשמיות.

האב איך באמערקט א וואונדערליכע זאך, אז היי-יאר האב איך געזען א ספעציעלע שמירה עליונה, אז פון ווען איך בין ארויסגעפארן אויף דער נסיעה ביז איך


איך האב שנעל געגעבן א שטארקן פייף און דורכדעם האט דער קאר פארנט פון מיר געמאכט א שאָרט סטאַפּ, ממש א האר אוועק פון אן אומגליק ה"י. טאמער וואלט איך פונקט דעמאלט געקוקט צו דער זייט, וואלט איך נישט באמערקט ווי דער קערידזש גליטשט זיך אריין אין דער גאס, און איך וויל נישט טראכטן ווי אזוי דאס וואלט זיך געענדיגט ח"ו. אין זכות פון שמירת עינים האב איך ב"ה זוכה געווען מציל צו זיין א נפש מישראל!


בין צוריקגעקומען בין איך נישט נכשל געווארן מיטן זען קיין איין ראיה אסורה - ממש גארנישט. דאס איז א זאך וואס איז כמעט חוץ לדרך הטבע. ס'מוז זיין אז איינעם זכות פונעם העלפן אנדערע אידן ברוחניות, באקומט מען צוריק א שטארקע שמירה פון הימל צו קענען אליין זיין אפגעהיטן און ריין!

דער רבש"ע זאל אייך געבן ווייטער כח און מח אנצוגיין מיט דער הייליגער ארבעט!

*(-)*

## גשמי ברכה

ס'איז יעצט דאנערשטאג פרשת פינחס תשפ"ב, און איך בין אויפ'ן וועג צו א שפיטאל אין מאנהעטן וואו איך האב אן אפוינטמענט מיט א קינד.

די גאנצע פארלאפענע וואך איז געווען גאר הייס, מיט טעמפעראטורן העכער 90, און היינט צופרי איז אויך געווען אזוי הייס. וויסנדיג אז איך דארף אריינפארן אין מאנהעטן, האב איך מתפלל געווען אז איך זאל קענען היטן די אויגן אין אזעלכע הייסע וועטערן. איך האב אויך אפגעמאכט אז איך גיי פארקירן מיט וואלעי ביים שפיטאל, טראץ דער עקסטערער הוצאה, כדי זיך נישט צו דארפן דרייען אויף די גאסן.

איך בין יעצט אויפ'ן וועג אריין אין מאנהעטן און ס'גייט א גאס רעגן. רעדנדיג אהיים זאגט מיר מיין ווייב אז אין מאנסי זעט מען נישט קיין טראפן רעגן, אבער דא גיסט! הרבה דרכים למקום צו העלפן א איד וואס וויל זיך היטן די אויגן!

חזקו ואמצו, גייט ווייטער אן. די גליונות זענען מורא'דיג, און איך שעפ כסדר חיזוק פון דעם.

*(-) מאנסי*

## שמירת עינים אין דער קעשענע

אלס בחור פלעג איך ארומגיין מיט חברים נאך געלט אין פארשידענע געגנטן. איך האב ממש באשיינפערליך געזען אז די הצלחה ביים גיין נאך געלט איז געווען געוואנדן אין דער שמירת עינים אויפ'ן וועג; א טאג וואס איך האב מיך געהיטן די אויגן האב איך געזען א שטארקע הצלחה, און א טאג וואס איז לײדער נישט געווען ווי ס'דארף צו זיין איז אריינגעקומען ווייניג. עד כדי כך, אז איך האב ממש געקענט פאראויסזאגן די הצלחה אויפ'ן טאג לויט ווי שטארק די שמירת עינים איז געווען אויפ'ן וועג. ס'איז מיר געווען א חיזוק ווי דער באשעפער ווייזט אז ער האט א נחת רוח אויבן אין הימל פון אונזער שמירת עינים!

*ב. ג. ג. קרית יואל*

## אן ערשטקלאסיגע רייזע

דעם פארלאפענעם זומער האב איך געדארפט פארן אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צוליב א חתונה.

# ישלטו היהודים

צו מיטטיילן אייער מעשה רופט:
845.999.4114 #1-2

איך האב געמאכט א טיקעט ביי א טראוול אגענט, זיך אויסנעמענדיג מיט אים אז דער זיץ דארף זיין ביים פענסטער, צוליב שמירת עינים. דער אגענט האט טאקע געטראפן אזא זיץ פאר מיר אויף ביידע וועגן און עס רעזערווירט. למעשה עטליכע טעג איידער'ן פארן איז געווארן א טויש אינעם פלאן, און איך האב געדארפט איבערמאכן דעם טיקעט. יעצט אבער האט דער טראוול אגענט געטראפן א זיץ נעבן פענסטער נאר אויפ'ן וועג אהין, נישט אויפ'ן וועג צוריק, וועלכער איז געווען צעטיילט אויף צוויי פליגערס מיט א סטאפ אין לאנדאן. ער האט מיך אבער מייעץ געווען אז ביים איינטשעקן קען איך פרובירן צו בעטן א זיץ ביים פענסטער און ס'קען געלונגען.

איך האב מיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, ווען מיינע ליפן שעפשען א תפילה צום באשעפער איך זאל האבן אן אפגעהיטענע רייזע פון אלע מרעין בישין. ב"ה דער זיץ איז געווען בעסער ווי געראכטן - ביים פענסטער מיט א ווענטל פון פארנט. נעבן מיר איז געזעסן א גוי, און דאס האט מיך אביסל באאומרואיגט וואס ער פלאנט צו טון א גאנצן וועג. צו מיין דערלייכטערונג האט יענער גוי זיך געטוישט פלאץ מיט א חסיד'ישן בחור, און אזוי ארום האב איך געהאט אן אנגענעמע רייזע.

נאך צוויי וואכן האב איך געדארפט צוריקפארן, און איך האב כסדר מתפלל געווען איך זאל האבן אן אויסגעהאלטענעם פלאץ. אנקומענדיג אין לופטפעלד, האב איך געוואלט איינטשעקן, אבער דא זאגט מען מיר אז מיין טיקעט איז שוין געווען א וואך צוריק און איך האב בכלל נישט קיין פלאץ אויף היינט. זעט אויס ס'איז געווען עפעס א מיספארשטענדעניש וויבאלד איך האב געטוישט מיין טיקעט. אין איילעניש האב איך מיך פארבונדן מיט מיין טראוול אגענט, וועלכער האט מיר געשאפט א טיקעט אויפצומארגנס קיין לאנדאן. אבער פון לאנדאן קיין ניו יארק איז שוין נישט געווען שייך פאר שבת, און איך האב געדארפט בלייבן אין לאנדאן איבער שבת.

דעם קומענדיגן טאג ביים איינטשעקן האב איך געבעטן א זיץ ביים פענסטער, אבער צו מיין אנטוישונג האב איך נישט געקענט באקומען אזא זיץ. איך האב נישט געוואוסט וואס דא וועט זיין, און געבעטן ביים אויבערשטן ס'זאל זיך אלעס פירן צום גוטן. איך קום ארויף אויפ'ן פליגער, איך זוך וואו מיין זיץ איז, און צו מיין איבערראשונג ווייזט מיר דער סטוארד אז מיין פלאץ איז אין ערשטן קלאס! אויף דעם האב איך מיך שוין נישט געראכטן. ב"ה דארט האב איך מיך אויך געקענט מסדר זיין נעבן א איד, און דער גאנצער וועג איז אריבער אויסטערליש געשמאק.

נאך שבת האב איך ממשיך געווען מיט דער נסיעה. איך האב ווייטער מתפלל געווען אויף א כשר'ער רייזע, און איך האב נאכאמאל באקומען א זיץ אין ערשטן קלאס, אפגעהיטן פון אלע זייטן. זעט אויס אז וויבאלד איך בין געבליבן אויסגעשפילט, האט מיר דער טראוול אגענט פארגיטיגט מיט'ן מסדר זיין א זיץ אין ערשטן קלאס. אבער איך האב געזען פון דער מעשה אז ווען מ'מיינט עס אמת'דיג און מ'בעט ביים אויבערשטן מיט'ן גאנצן הארץ אז מ'וויל זיין אפגעהיטן, האט ער זיך שוין זיינע וועגן צו העלפן!

יעקב אקער

## דבר המערכת

המשך פון זייט 1

שליסן א גאנץ יאר פון "ישלטו היהודים". און מיר זענען נאך ווייט פון פארטיג; ס'שטייען נאך אסאך מעשיות וואס ווארטן צו ווערן געדרוקט אינעם גליון. יא, אידישע קינדער פארמאגן אן אויסשליסליכע שליטה איבער די שווערע נסיונות פון אונזערע צייטן!

מיר ווילן מיטטיילן מיט די חשוב'ע ליינער אז מיר וועלן בעז"ה ווייטער ממשיך זיין מיט דעם אפטיילונג, און מיר ווילן אויפפרישן דעם רובריק אינטערן נאמען "יאמרו המושלים", ווי חז"ל זאגן (ב"ב עח:): אלו המושלים ביצרם. ווי כלל ישראל וועט ווייטער האבן די מעגליכקייט צו מיטטיילן זייערע פערזענליכע מעשיות פון וואס אנדערע קענען זיך לערנען וויאזוי זיך צו פארמעסטן מיט די הייטיגע נסיונות.

ומכאן הקריאה יוצאת צו אלע וואס האבן אמאל געהאט א מעשה אדער ערפארונג וואס זיי שפירן אז ס'וואלט געווען פאסיג צו ערשיינען אין דעם קאלום, ביטע רופט אריין צום מערכת:

**845-999-4114**
**עקס. 1-2**

# עיני ישועה

אידן דערציילן וואונדערליכע ישועות אין זכות פון שמירת עינים

## אל תשכן באהלין עולה

איך האב אין ביזנעס עטליכע זאכן אין מיין ביזנעס וואס האבן זיך פארהאנקערט, און איך האב בשום אופן זיך נישט געקענט ארויסדערזען פונעם פלאנטער.

זייענדיג אין בית המדרש שבת, האב איך געליינט אייער גליון, און איך בין שטארק נתעורר געווארן דערפון. ארייננקומענדיג אין ביזנעס דעם קומענדיגן מאנטאג אינדערפרי, האב איך באמערקט ווי דער פילטער איז אראפגעפאלן פון איינעם פון די קאמפיוטערס. וויבאלד איך בין נאך געווען אונטער'ן רושם פונעם גליון וואס איך האב געליינט שבת, האב איך באשלאסן תיכף צו נעמען שריט און נישט לאזן ביי מיר אפענע אינטערנעט.

איך האב מיך פארבונדן מיט דער פילטער קאמפאני, און זיי האבן מיר געזאגט אז דאס קען פאסירן ווען דער קאמפיוטער ווערט אפדעיטעד צו א נייער ווערסיע, און איך האב מסדר געווען מיט זיי צוריקצושטעלן דעם פילטער.

גלייך נאכדעם האבן זיך זאכן ב"ה אנגעהויבן רוקן אין א גוטער ריכטונג, און די זאכן וואס האבן פאר עטליכע וואכן אין א צי אויסגעזען אזוי פארפלאנטערט האבן זיך וואונדערליך געשטעלט אין פלאץ!

ש. לעבאוויטש

## ישועת ה' כהרף עין

איך האב געארבעט אין מיין ביזנעס אויף א לענגערן פראצעדור וואס נעמט אפאר חדשים און קען בעז"ה ברענגען שיינע רווחים. למעשה האבן זיך זאכן ערגעצוואו פארפלאנטערט און איך האב נישט געזען קיין וועג ארויס. בצר לי האב איך גענומען אויף מיר א שטארקע קבלה אינעם ענין פון שמירת עינים אויף פערציג טעג.

בלויז פיר שעה איז אריבער (!) און איך באקום א טעלעפאן רוף אז זאכן פאנגען זיך אן שטעלן אין פלאץ. ב"ה יעצט איז שוין דער פראצעדור פארטיג על צד היותר טוב.

בלויז פיר שעה איז אריבער (!) און איך באקום א טעלעפאן רוף אז זאכן פאנגען זיך אן שטעלן אין פלאץ. ב"ה יעצט איז שוין דער פראצעדור פארטיג על צד היותר טוב, און איך וויל עס דא מיטטיילן מיט אנדערע.

יישר כח פאר אייער געוואלדיגער ארבעט!

(-) וויליאמסבורג

## מי כעמך ישראל

אידישע גבורה

# עובדי ה׳ אין די אפיסעס

א גרויסן יישר כח פאר דעם געוואלדיגן גליון.

איך וויל ארויסברענגען מיינע הרגשים פון כי כעמך ישראל. נאך מיין חתונה האב איך געלערנט אין כולל אפאר יאר, און ווען איך האב געדארפט ברענגען פרנסה אין שטוב האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן אלס א סעילסמאן. דאס האט מיר געברענגט צו דארפן באזוכן כסדר אין פארשידענע אפיסעס, און איך האב מיך אנגעהויבן באגעגענען מיט שווערע נסיונות אויף א טעגליכן פארנעם. מ׳קען זיך נישט פארשטעלן וואספארא נסיונות יונגעלייט גייען דורך אין אפיסעס אדער אנדערע ארבעטספלעצער.

וואס גיבט מיר דעם חיזוק זיך צו האלטן שטארק? ווען איך זע ווי אזוי אנדערע יונגעלייט האנדלען מיט די נסיונות. ס׳איז ממש נתפעל צו ווערן. מ׳איז נישט אין בית מדרש, מ׳איז ארומגענומען מיט נסיונות וואס ציען פון אלע זייטן, און יונגעלייט היטן זיך מיט שטארקע גדרים מיט א מורא׳דיגער גבורת הנפש; זאל דאס זיין ביים האנדלען מיט פרויען, אדער ווען ס׳קומט צו טעכנאלאגיע, או״וו.

דאס איז נישט עפעס וואס שפילט זיך אויס ברבים, דאס איז מערסטנס פריוואט, און אידישע קינדער דינען דעם אויבערשטן ביי דער ארבעט מיט א געוואלדיגן זהירות, כאטש מיר לעבן אין א דור וואו ס׳זענען דא אזויפיל נסיונות אין דעם הינזיכט. און דאס איז טאג איין טאג אויס. נישט יעדן טאג שטייט מען אויף אין דער בעסטער גיסטע מיט מוחין דגדלות, נאכ׳ן לערנען פינף שעה רציפות מיט א חסיד׳ישן ספר און א ווארעמע דאווענען... מ׳רעדט דא פון יונגעלייט וואס דאווענען זיבן אזייגער און זענען אין אפיס במשך דעם טאג, און ס׳איז שווער. מיט דעם אלעם ווייסט מען אז איך בין א איד און מ׳טוט וואס מ׳קען צו זיין אפגעהיטן!

דער אויבערשטער האט זיך מיט וואס גרויסצוהאלטן מיט זיין הייליג פאלק!

צביא מ.

## החכם עיניו בראשו

עצות

# ווען א חומרא איז נישט כדאי

אין ספר עבודת בנימין (ח״ב עמ׳ תכא), פון **הגה״ק רבי בנימין ראבינאוויטש זצ״ל**, שטייט אז ווען ס׳איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין צווישן צוויי פרויען אויף דער גאס, האט ער נישט געמאכט קיין עסק דערפון, כדי נישט צו דארפן זיין פארנומען מיטן קוקן אויף נשים וואס דרייען זיך אויף די גאס, נאר ער האט אנגעכאפט דעם שטעקן אדער די פיאות און אזוי דורכגעגאנגען, וואס אויף אזא אופן איז מותר.

ס׳איז א געוואלדיגער לימוד ווי אזוי מ׳דארף האבן דעם קאפ אויפ׳ן פלאץ, און אויב זעט מען אז א געוויסע חומרא איז גורם דאס פארקערטע, אז מ׳זאל ווערן פארנומען מיט׳ן קוקן אהער און אהין, דאן לוינט זיך נישט די גאנצע זאך.

א גרויסן יישר כח פאר דעם גליון, עס איז א געוואלדיגע זאך וואס איר טוט. הצלחה און סייעתא דשמיא!

(-)

## מכתבים למערכת

‹‹‹ המשך פון זייט 6

נישט מער פון פיר און צוואנציג שעה, אפילו איינער וואס באקומט שיין באצאלט וועט ער העכסטנס זיין א שיינע בעל פרנסה, אבער צו זיין א פארמעגליכער גביר גייט נישט דורך ארבעטן א שעה, נאר מען דארף ארבעטן ווי א סוחר, מען אינוועסט און געוויסע זאכן וואס ברענגען ריזיגע רווחים, און ווי וויינציגער צייט מען דארף אוועקגעבן פאר די אינוועסטמענט און דאך ברענגט עס גרויסע רווחים, הייסט עס א בעסערע דיעל. די זעלבע איז ביי רוחניות און ספעציעל מיט שמירת עינים, די טאג טעגליכע סדר היום ווי למשל דאווענען און קביעת עתים זענען אלע געוואלדיגע אינוועסטמענטס, אבער ווען עס קומט אונטער א גרויסע נסיון פאר א מענטש און ער שטארקט זיך, דעמאלטס האט ער אינוועסטירט אין א גרויסע דיעל, מיט די איין סעקונדע האט ער איינגעקויפט זכותים אדירים לעולמי עד וויבאלד ער האט זיך מתגבר געווען אויף א גרויסע נסיון און דארט ליגט באגראבן הויפענעס פון שכר ווייל לפום צערא אגרא, די טעגליכע מצוות און מעשים טובים האבן נישט די נסיון, אבער ווען עס קומט אונטער א נסיון דארף מען טראכטען אז דא האט מען א געלעגנהייט צו מאכן א דיעל. ווי אזוי וואלט ער זיך צוגעכאפט ווען איינער קלאפט אריין אין אפיס און שלאגט פאר א דיעל וואס איז א גאלדען גריב, ער פארקויפט א ריזיגע פראפערטי וואס מען וועט קענען מאכן אויף דעם רווחים אויף רווחים פאר א ביליגע פרייז.

ש. ז. ק.

## הצלחה אין אלעמען

אלס בחור לערנענדיג אין ארץ ישראל, בין איך אמאל אריין אנפאנג זמן צום פריערדיגן תולדות אהרן רבי זצ״ל, בעטנדיג א ברכה אויף הצלחה אין לימוד התורה. האט זיך דער רבי אנגערופן: ״דער יסוד פון אלעם איז שמירת עינים. אויב האט מען שמירת עינים, האט מען הצלחה און אלעמען!״. דערנאך האט ער אויסגעפירט, ״ומכלל הן אתה שומע לאו״.

ח. א. בארא פארק

## ברכת מזלא טבא

אל מול פני רב האי גאון העומד תמיד לימינינו בדבר ה׳ זו הלכה

הרה״ג ר׳ **יואל גוטמאן** שליט״א

מו״ץ בקיט״ל קרית יואל-ומרבני וועד לטהרינו דסאטמאר

**לרגל נשואי בנו** הבה״ח המופלג בתוי״ש כמר **אשר לעמיל** ני״ו **למז״ט** עב״ג

בת הרה״ג ר׳ **אברהם הערש האראוויץ** שליט״א

זכות הרבים תעמוד לו לראות תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, והזיווג יעלה יפה, והרחמן הוא יברך אותו משמי מעל בכל משאלות לבבו, ואך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך עוד רבות בשנים בפעולותיו הכבירות לדון ולהורות ברוב הצלחה וסייעתא

הערט טעגליכע חיזוק אויף שמירת עינים, אויפ׳ן וועלט בארימטן "עינים"
718.977.5554
ארץ ישראל: 079-704-0023
עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
טיילט מיט אייער מעשה, עצה, געדאנק
845.999.4114 # 1-2

## עין בעין יראו

אויפפאסונגען

# א מעדאל אין אנטווערפן

דעם פארלאפענעם כ"ה שבט תשפ"ב איז נפטר געווארן **הגאון רבי דוד משה ליבערמאן ז"ל**, דער רב פון **קהילת שומרי הדת** אין אנטווערפן, בעלגיע. ביי דער שבעה האט מען פארציילט די פאלגנע געשיכטע פונעם רב ז"ל:

רבי דוד משה ז"ל איז געווען אן איש הציבור, וואס האט עוסק געווען אין פארשידענע עסקנות'ן למען הכלל והפרט. מיט צוועלף יאר צוריק, אין תשע"א, האט די בעלגישע רעגירונג אפגעהאלטן א צערעמאניע אים צו שענקען א מעדאל אויף זיינע לייסטונגען פאר אידישע און להבדיל נישט-אידישע איינוואוינערס.

די צערעמאניע איז אפגעהאלטן מיט גרויס פאמפע, מיט דער באטייליגונג פון פארשידענע רעגירונגס באאמטע און סתם מענטשן. איינער פון די באאמטע האט זיך אויפגעשטעלט רעדן, ארויסברענגענדיג די הומאניטערישע אקטיוויטעטן פונעם רב. ווען ער האט געענדיגט, האט ער אויפגערופן די גובענאטארשע פון דער אנטווערפענער פראווינץ זי זאל אנטון דעם מעדאל אויפ'ן רב'ס האלז.

די אנוועזנדע אידן האבן זיך איבערגעבליקט מיט שאק, נישט וויסנדיג וואס דער רב וועט דא טון. ווי אזוי קען מען ערקלערן די פראבלעם פון אזא זאך אן דעם וואס די גובערנאטארשע זאל באליידיגט ווערן? אבער הרב ליבערמאן האט נישט ארויסגעוויזן קיין צייכן פון נערוועזקייט. מיט זיכערע טריט האט ער זיך דערנענטערט צום פאדיום, און געבעטן אז איידער ער נעמט איבער זיין מעדאל וויל ער זאגן עטליכע קורצע ווערטער.

דער רב האט אנגעהויבן שילדערן די מעשה וואס ווערט געברענגט אין גמרא, ווי דער גרויסער תנא רבי עקיבא איז צוריקגעקומען מיט 24,000 תלמידים און די צדיקת רחל איז אים קעגנגעקומען, און ווען די תלמידים האבן געוואלט אוועקשטופן די פרוי, האט רבי עקיבא אויסגערופן, "שלי ושלכם שלה הוא!" די גאנצע תורה פון מיר און פון ענק איז אלעס אויף איר קרעדיט, וויבאלד זי האט אים געשטופט צו גיין לערנען תורה.

"ס'איז דא אווארט אין ענגליש," האט דער רב געזאגט, "'אונטער יעדן געלונגענעם מאן שטייט א געלונגענע פרוי.' דער מקור פון דעם איז פון אונזער תלמוד. איך שפיר אז די גאנצע סיבה פון מיין הצלחה איז מיין ווייב, און דעריבער וויל איך אז זי זאל ארויפקומען נעמען דעם מעדאל אנשטאט מיר!"

אזוי איז טאקע געווען, און דורכדעם האט דער רב באוויזן זיך ארויסצודרייען פון דעם אומאנגענעמער סיטואציע אן דעם וואס זיי זאלן בכלל עפעס כאפן...

**"דעהו הלכה יומית"** ה' תולדות תשפ"ג

צו איבערגעבן סיי וועלכע אויפפאסונגען אויף שמירת עינים, רופט 845.999.4114 עקס. 1-2

## מכתבים למערכת

### א דיעל מיט אומשאצבארע רווחים

איך בין די בעל הבית פון א גרויסע ביזנעס און איך וויל פשוט איבערגעבן אז עס האט מיר זייער געכאפט א נקודה וואס איך האב געזעהן אינעם גליון, ווייל איך פארשטיי עס זייער גוט. איר האט געברענגט אין נאמען פון איינע פון די פריערדיגע צדיקים אז ווען איינער מאכט ביזנעס, פארשטייט ער אז אויב ארבעט ער די פאך לויט די שעה, קען ער קיין גרויסע גביר נישט ווערן ווייל די טאג האט

המשך אויף זייט 5 >>>

### א ווענדונג צו די חשוב'ע ליינער:

מיר פרובירן זייער שטארק בסייעתא דשמיא ארויסצוקומען מיט א גליון (אידיש/לשה"ק) יעדע צווייוואכן. יעדער גליון וואס קומט ארויס ווערט געדרוקט אין איבער פופציג טויזנט קאפיעס, וועלכע ווערן פארשפרייט אין אלע היימישע געגנטן אין אמעריקע, קאנאדע, אייראפע, און ארץ ישראל. דאס קאסט א געוואלד מיט געלט, וואס רעכנט אריין אויפהאלטן שרייבערס, הפצה, דרוקן, אא"וו. דער פרייז פאר יעדן איינציגן גליון ארויסצוקומען איז העכער $12,000.

**מיר זענען שטארק אנגעוויזן אויף דער הילף פונעם ברייטן ציבור, און נאר מיט אייער השתתפות וועלן מיר בעז"ה קענען ווייטער אנגיין. מיר אפעלירן צו יעדן וואס איז ביכולת, קויפט א חודש'ליכע שותפות אינעם גליון פאר'ן סכום פון $50 חודש'ליך, אדער לכה"פ $25 חודש'ליך. מיט דעם נעמט איר א חלק אין העלפן פארשפרייטן שמירת עינים ביי אידישע קינדער, צענדליגער טויזנטער מאל יעדן חודש. דער זיכוי הרבים דערפון איז אין לשער!**

**רופט אריין 845.999.4114 עקס. 1-1**

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו!


טהור עינים – תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114

נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין

2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק

3 הפצה אפטיילונג

4 אויפסיינען אויף אימעיל

9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950

info@tahoreineyim.org

המערכת בארץ ישראל 077.401.6591

כתובת המערכת: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**

אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין

845.999.4114 #1-9





## על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**

מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 5000 גליונות**

הרה"ג **מענדל ווייס** שליט"א
מוה"ר **ישראל חיים הערשקאוויטש** הי"ו

**זכות 3000 גליונות**

**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 2000 גליונות**

מוה"ר **חיים אברהם קליין** הי"ו
**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 1000 גליונות**

מוה"ר **בן ציון** בראּ"א **זאלדאן** הי"ו, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, מוה"ר **מאיר משה גאנדל** הי"ו, מוה"ר **יעקב יואל כהן** הי"ו, הרבני הנגיד **יואל וואלדמאן** הי"ו, מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו - לע"נ **יעקב אליהו** ב"ר **אהרן משה** ע"ה, מוה"ר **אהרן זאב שפיטצער** הי"ו, מוה"ר **נחמי' אינדיג** הי"ו, מוה"ר **נטע זינגער** הי"ו, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים,